# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק
ווערטער, אין אמונה און
בטחון און נאך

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323-

אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
**נצבים וילך**
כ"ב אלול שנת תשפ"ו


בס"ד

## ווען א מענטש דערהערט אז אלעס איז לויטער גענאדע פון אייבערשטען, און אז ר"ה טוט מען אורטיילן אויב זאל מען איהם דאס יאר פונדאסניי באשערן דאס גענאדע, איז ער זוכה צו א רייך יאר!!

### פארוואס זאגט מען ביים שיר של יום פון זונטיג קאפיטל כ"ד פון תהילים??

**שטייט** אין די וואכענדיגע פרשה (כט, ט-יא) 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם וגו', לעברך בברית ה' אלוקיך', און רש"י איז מפרש (פסוק יב) אתם נצבים: "וויבאלד די אידן זענען ארויס פון איין שפייזער צו איין אנדערען שפייזער, פון משה צו יהושע, דעריבער האט ער זיי געשטעלט מיט א שטארקייט". ערקלערט דער הייליגער שם משמואל זי"ע פון סאכאטשוב (תרע"ד) די טעם פארוואס האט ער זיי געדארפט שטארקן, ווייל עס איז געווען א גרויסע פארענדערונג צווישן די הנהגה פון משה רבינו צו די הנהגה פון יהושע, צוליב וואס אין די צייט פון משה רבינו האט זיך אלעס געפירט שלא כדרך הטבע, קעגן זייערע אויגן האט זיך אנטפלעקט רעגעלמעסיג ניסים ונפלאות, עס איז געפאלן פאר זיי מן פון הימלצו עסען, וואסער פונעם ברונער צו טרינקן, די וואלקענעס האט זיי ארומגענומען און אפגעהיטן פון אלע פיר זייטן, זייערע קליידער זענען נישט געווארען אלט און צוריסען, אבער אנדערש איז געווען נאכדעם ווען זיי זענען אריינגעקומען אין ארץ ישראל אונטער דאס פירערשאפט פון יהושע, האט זיך אלעס געפירט בדרך הטבע, און זיי האבען געמוזט זיך באשעפטיגען מיט וועלטליכע באדערפענישן, אקערן און איינזייען אא"וו, דאס הייסט אז זיי האבען שוין נישט באמערקט אזוי שטארק די אייבערשטענס האנט אויף יעדער שריט און טריט, נאר זיי האבען געדארפט צוקומען צו אמונה, און גלייבן אז אויך זייער ארבעט איז באשערט פון הימל.

**ווי חז"ל** זאגן אונז (שבת ל"א.) דער מענטש דארף גלייבן אין חי העולמים אפילו בשעת ער טוט אנזייען זיין פעלד. דעריבער האט משה רבינו געדארפט אוועקשטעלן כלל ישראל און אריינברענגען די אידן אין א בונד, פאר וואס ער האט איבערגעגעבן די פירערשאפט צו יהושע, כדי די אידן זאלן שטענדיג געדענקען אז זיי שטייען פארן אייבערשטען, אויך דעמאלטס ווען עס איז נישט גענוג קענטיג אז אלעס ווערט געפירט פון אויבן, ווייל עס איז נישט פארהאנען קיין געוואוינהייט, נאר 'הוא עשה ועושה ויעשה לכל המעשים' יעדער מינוט און יעדער סעקונדע.

**ווייל** מער פארזיכטיג דארף זיין איינער וואס טוט זיך באשעפטיגען אין וועלטליכע אויפגאבעס זיך צו שטארקן אין די וויסענשאפט, צוליב דעם אז ער זאל נישט נאכגעשלעפט ווערן אדער צומישט ווערן פון די טבע העולם, אזוי ווי די רבינו בחיי שרייבט (אין זיין הקדמה צו פרשת מסעי): "דעריבער ווערט די געוואוינהייט אנגערופען מיטן לשון 'טבע' וואס טייטשט אויך 'איינטרונקען', צו ווארענען די מענטהייט זיך נישט צו דעטרענקען מיט בייזוויליגע געדאנקען אז ער טוט עפעס אליין מיט זיין כח, אזוי ווי א מענטש וואס טרענקט זיך איין אין די טיפענישן פון ים און קען נישט ארויפשווימען פון דארט".

**אזוי אויך** שטייט אין ספר מי השילוח פון דער איזביצא רבי זי"ע (וילך ד"ה הקהל) די טעם פארוואס האבען די לויים געזונגען אין בית המקדש ביי די שיר של יום פון זונטיג דאס קאפיטל פון 'לה' הארץ ומלואה' (תהילים כד, א) , ערקלערט ער דארט, אזוי ווי זונטיג איז די ערטע טאג פון די ששת ימי המעשה נאך שבת קודש וואס א מענטש רוהט פון ארבעט, איז גלייך ביים ארויסגיין צום ארבעט, פאדערט זיך פונעם מענטש אייצוקריצן אין הארצן טיפען מיט א שטארקייט, אז די וועלט און אלעס וואס געפונט אין איר באלאנגט פארן אייבערשטען אליין, און ער איז דער וואס געבט די כח פאר א מענטש צו טוהן עפעס, און די געדאנק איז די אויסגעקליבענסטע עצה און בעסטע סגולה פאר פרנסה, דורכדעם וואס עס איז וואר פארן מענטש מיט א קלארקייט, אז אלעס ווערט געפירט מיטן אייבערשטען'ס כח, און גארנישט האט מיט זיין ארבעט.

**מיט** דעם איז פארשטענדליך די ווערטער פון דער אר"י הק', וואס זאגט אז מען זאגן ראש השנה ביינאכט די קאפיטל כ"ד אלס סגולה פאר פרנסה, לכאורה, וואס פאר א באהעפטונג האט דאס קאפיטל צו פרנסה, עס ווערט דאך נישט דערמאנט דארט די ענין פון פרנסה, נאר לויט ווי די ווערטער פון הייליגן רבינו בחיי איז זייער פארשטענדליך, ווייל ווען א איד שטעלט זיך אוועק און ווארצעלט איין אין זיך אז אלעס קומט פון אויבן און איז באשערט פון הימל, דאס ברענגט צו אז עס זאל זיך פארמערן ביי איהם די פרנסה מיט א גרויסע פארנעם.

### ווי אזוי איז מען ממליך דעם באשעפער אויף אונז ראש השנה??

**און** דאס איז די הויפט עבודה פון דעם גרויסן טאג ראש השנה, אז דער מענטש זאל זיך מחזק זיין אין אמונת הבורא, ווי חז"ל זאגן אין גמרא (ר"ה ט"ז.) אמר הקב"ה, זאגט פאר מיר מלכויות דערפאר אז עטס זאלטס מיר קעניגן איבער אייך, ווייל דער עיקר ארבעט אין דעם דאזיגן טאג איז צו קעניגן די באשעפער אויף אונז, דורך פארשטערקערן אונזער וויסענשאפט און גלייבונג, אז דער אייבערשטער געוועלטיגט אויף די וועלט, און פירט אלעס אהן, און גארנישט טוהט געטוהן ווערן אהן זיין ווילן, און גארנישט איז פארהוילן פון איהם.

**ווי** דער גמרא זאגט נאך (ר"ה טז:) "א יאר וואס איז ארעם און אנהייב, ווערט רייך ביי איר סוף. ערקלערט **רש"י די כוונה:** "ארעם און אנהייב, אז די אידן האלטן זיך ארעם ווען עס קומט ראש השנה און בעטן זיך ביים אייבערשטען ווי א ארימאן וואס ווייסט אז עס קומט זיך איהם גארנישט, אזוי ווי אין פסוק שטייט 'תַּחֲנוּנִים יְדַבֶּר רָשׁ' (משלי יח, כג). **און תוספות** לייגט צו די ווערטער: "צוליב וואס די אידן האלטן זיך ארעם, באקומען זיי א צובראכען הארץ, און דעריבער דערבארימט מען זיך אויף זיי פון הימל".

**דאס** איז א אייגענארטיגע עצה וואס חז"ל געבן אונז, מיר זאלן זיך צוזאמענעמען און אריינטראכטען ווי מיר האלטן און ווי מיר שטייען, אז אונז זענען ליידער ארעם אין אלעס, נאר איין זאך פארמאגן מיר, די כח התפילה מיט א צובראכען הארץ, פארן אייבערשטען, וואס אזא קול הערט זיך אויבן און איז מעורר רחמים, און דערפאר איז מען זוכה צו א רייך יאר ביים סוף.

**און** אמת'ן איז די רייד פון די גמרא געזאגט געווארען פארן מענטש נאר און זין פון א אויפפירונג, אז דער מענטש זאל זעהן צו דאווענען און בעטן אויף א אופן פון א בעטלער, אזוי ווי רש"י דריק אויס זיין לשון 'זיי מאכן זיך אזוי ווי ארעמלייט', אבער ביי אונז קען מען זאגן אז אונז זעמיר טאקע ארעם און אלע הינזיכטען, ליידער וויפל צרות הערשן אין אידישע שטובער, וויפיל קרענק און ווייטאגען ליידן אידישע קינדער ברוחניות ובגשמיות, צוגאב דאס שווערקייט אין פרנסה, מיט א צומישעניש אינעם שכל, וואס ברענגט אזויפיל קרבנות וואס פאלן אריין אין די אפגרונדען.

**און** אפילו די וואס זענען זוכה צו וואקסען אין היכל ה' על התורה ועל העבודה, איז אויך דא אסאך וואס זיך צו פארבעסערן אין זייערע מצב, און אז מיר זאלען אביסל אריינקלערן און אונזער מצב, וואלטן מיר געזען אז די גלייכגעוויכט פון אלעם איז אז אונז זעמיר טאקע דלים ורשים מיט א אמת, און אזוי וואלטען אונזער הערצער צובראכן געווארען, און דאס וואלט מעורר רחמים געווען אויף אונז, אבער אז דער מענטש טראכט נישט און לעבט ווי א פערד וואס גייט איין צו א מלחמה אהן קיין טראכטן, דעריבער פילט מען גארנישט, ווי חז"ל זאגען (שבת יג:) 'שוטה אינו מרגיש'.

### וואס איז אונזער זיכערקייט אז די אייבערשטער וועט מאכן מיט אונז נסים??

**אזוי ווי הגר"ח פרידלענדר זצ"ל** (באגרת שכתב לר"ה) טוהט אויפמערקן אין די לשון פון די גמרא, אז עס שטייט נישט אין גמרא זיי מאכן זיך 'אזוי ווי' זיי זענען ארעמלייט, נאר עס שטייט אז זיי מאכן זיך ארעמלייט, דאס מיינט, אז דער מענטש

דארף אנערקענען אין דעם אז ער האט טאקע נישט מיט וואס צו קומען זיך שטעלן אינעם יום הדין, אז ער האט עפעס אויפגעטוהן, נאר אלעס וואס ער האט געקענט און האט געטוהן איז בלויז חסד פון אייבערשטען וואס באגלייט איהם יעדער טריט און שריט, און יעצט אינעם יום הדין טוהט מען איהם אורטיילן צו וועט ער קענען ווידער געניסן פון אזא חסד וואס ער האט באקומען ביז היינט.

**ווייל** דאס וואס דער מענטש טראכט אז ער איז און ארדענונג מיט פרנסה אדער אנדערע זאכן, דאס איז איין שטיק טעות, ווייל יעדער איינער דארף צוקומען פונדאסניי צו נייע חסדים פון אייבערשטען אויף אלע זאכן וואס ער האט געהאט ביז יעצט, און א מענטש וואס פארכט מיט דעם אנערקענונג, ער איז זוכה צו א שנה מתעשרת ווייל די אייבערשטער טוהט איהם באשערן ווידער א גוט יאר מיט חסדים ורחמים.

**אזוי** איז די לשון וואס די **טור** ברענגט (סי' תקפ"א) פון **מדרש:** "נארמאל איז איינגעפירט אין די וועלט איז, א מענטש וואס האט א געריכט, קליידעט זיך אהן שווארץ, לאזט וואקסן די בארד, שערט זיך נישט די נעגל, ווייל ער איז פארנומען וואס וועט זיין מיט זיין געריכט צו וועט ער ארויסגיין ריין, אנדערש זענען אידישע קינדער, זיי טוהן זיך אהן ווייסע קליידער, שערן די נעגל, און עסען און טרינקען מיט שמחה אין ראש השנה, מיט א זיכערקייט אז זיי וועלן ארויסגיין פריי פון די געריכט, און די אייבערשטער וועט זיי מאכן א נס".

**זעהט** מען אויך אין לשון הטור, אז ער שרייבט אז זיי זענער 'זיכער', און נישט אז זיי 'וויסן' אז די באשעפער וועט מיט זיי מאכן א נס. ווייל טאקע נאר מיט די כח פון בטחון איז מען זוכה אז עס זאל געשען נסים, נאר וויבאלד מען קען זיך נישט פארלאזן אויף ניסים, דארף מען בעטן און דאווענען ווי ארעמלייט וואס קלאפן אויף א טיר מיט האפפענונג אז מען וועט זיך דעבארעמען אויף זיי און זיי העלפען.

## ווי אזוי האט מען צוגעטראטען צו סליחות אין ישיבת ראדין??

**עס** ווערט דערציילט וואס האט זיך אפגעשפילט אין ישיבת ראדין איינע פון די יארן מוצאי שבת ערב ראש השנה, ווען אלע תלמידים זענען געשטאנען גרייט אנצוהייבן זאגען סליחות, האט מען געזעהן ווי דער **חפץ חיים** אנגעטוהן מיטן טלית גייט צו צום מזרח וואנט, און גלייך גייט ער צו צום פלאץ פון הגאון **רבי** נפתלי טרופ **זצ"ל** וואס האט געדינט אלס מגיד שיעור אין די ישיבה, און ער בעט ביי איהם אז ער זאל צוגיין צום עמוד פארזאגן די סליחות.

**רבי** נפתלי האט אויסגעפאלגט, אנגעטוהן דעם טלית און אנגעהויבן צוטרעטן צום עמוד, גייענדיג, קומט צו נאכאמאל דער חפץ חיים און בעהט איהם אז אזוי ווי דער מנהג איז צו זאגן דברי התעוררות פאר סליחות בעהט ער איהם ער זאל אויך זאגן אפאר ווערטער פאר די סליחות.

**אויף** דעם האט רבי נפתלי פראבירט אפזאגען, ווער איז ער וואס זאל זאגען אפאר ווערטער פארן חפץ חיים, אבער דער חפץ חיים האט נישט נאכגעלאזט, ביז רבי נפתלי האט נישט געהאט קיין ברירה און אנגעהויבן מיט אפאר ווערטער פאר די בחורים, האט ער אזוי געזאגט:

**מיר** זאגען ביי די סליחות דער צווייטע שטיקל, 'לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך'. דארף מען דאך פארשטיין, א מענטש קומט דאך דא בעטן פארן אייבערשטען סליחה ומחילה, אויב אזוי וואלט געפאסט דער זאל קומען מיט עפעס אזאך אז עס קומט זיך איהם מען זאל איהם פארגעבן, אז ער האט געלערנט, אדער ער האט געדאווענט אדער געטוהן חסד אא"וו, און אפילו עס איז נישט געווען אינגאנצען ווי עס באדארף צוזיין אבער ער האט כאטשיג פראבירט, אנגעהויבן אא"וו, וויאזוי איז געהערט געווארען צו קומען ווי א ארעמאן און זיך איינבעטן מען זאל איהם געבען א זאך אהן קיין זכות.

**האט** ער ערקלערט אז עס איז דא צוויי ערליי סארטן ארעמלייט, איין סארט איז א ארימאן וואס זאמעלט זיך אהן אסאך קליינע פרוטות, דורכן קלאפן טיר נאך טיר, ווי עס איז דא פארשידענע מענטשן , איינער עפנט און גיבט א קליינעקייט דער אנדערע עפנט נישט אויף דער טיר א דריטן נעמט איהם אויף שיין און שענקט א ברייטהארציגע נדבה אא"וו, אזוי אז דער ארימאן איז צוגעוואוינט צו אללע סארטן קאמענטארן פון מענטשן, און ער שלינגט אראפ די בזיונות און גייט ווייטער.

**קעגן** איהם איז דא א אנדערע סארט ארימאן, וואס איס אסאך אויף אן ערגערן שטאפל פונעם ערשטן, ער זאמעלט נישט אין קיין אייגענע פארמעגן, נאר ער לעבט אויף יענעמס רחמנות, דאס הייסט, אז לויט די רחמנות וואס מענטשן האבען אויף איהם אויף דעם לעבט ער, וואס מען שיקט איהם האט ער צו עסן אא"וו.

..אז א איד טוהט איינקריצען ביי זיך אין הארץ אז לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה, אז אלעס איז באשערט פון הימל, דאס אליין איז גרעסטע סגולה צו ברענגען פאר איהם פרנסה, דערפאר האט עס די אר"י הקדוש מתקן געווען צוזאגען ר"ה ביינאכט..

**ווען** מען זאל זיך פארשטעלן אביסל, וואס וואלט געווען ווען די צווייטע סארט ארימאן, ווערט פארבלאנדזעט אין וואלד, און ער האט נישט וואס ארייננעמען אין מויל אריין, ווייל ער איז נישט צוגעוואוינט אליין זיך צו באזארגען נאר צו אלעס דארף ער צוקומען צו מענטשן מיט זייערע גוטסקייט, און אזוי ווי ער איז געפונט אין וואלד אפאר טעג און איז געפערליך הונגעריג און דארשטיג, וואס וועט ער טוהן ווען ער וועט זעהן פון דערווייטענס א ליכטיגקייט פון א הויז, אוודאי וועט ער צולויפן מיט זיינע לעצטע כוחות און קלאפן ווילאנג מען וועט איהם עפענען די טיר, ווייל ער ווייסט אז ער איז אנגעהאנגען אין זייערע חסד און האט נישט עפעס אנדערש צוטוהן, און אויב וועט ער אפלאזן דאס הויז, וועט ער אויסגיין פון הונגער

**די** זעלבע איז מיט אונז, האט רבי נפתלי אויפגעהויבן העכער זיין שטימע, אונז קומען בעטען ביי אייבערשטען מיט א געוויין, באים בבקשה ותחינה לבורא עולם, ריבונו של עולם, אונז ליגן און שווערע הונגער און דארשט ברוחניות, אזוי ווי אונז בלאנדזען און געדעכטען וואלד שוין א יאר צייט, אזוי דער ארימאן וואס האט ניט קיין אנדער אויסוועג און קלאפט מיט זיין גאנצע קראפט אויפן טיר, דאס זעלבע טוהן מיר יעצט ביי סליחות, מיר שרייען אויס פון הארצן טיפן, רבונו של עולם, טויב די ווייסט אונז נישט פארגעבן וועלן מיר שטארבען, און דעריבער, מלפניך מלכנו אל תשיבנו ריקם, און אז מען שרייט אזוי האט רבי נפתלי צוגעענדיגט, איז מען זוכה אז עס עפענט זיך די שערי רחמים און דער אייבערשטער ענטפערט, סלחתי כדברך.

**פלעגן** די תלמידי הישיבה דערציילן, אז יענער יאר האבען די בחורים טאקע איינגעריסן וועלטן און געקלאפט פון טיפן הארצען, אז עס האט זיך דערקענט אויף די יאר שפעטער אז עס איז געווען א ספיציעלע געבענטשט יאר.

## אכזרים אדער עשירים??

**די** געדאנק דארף ליגן אין די געדאנקען פונעם מענטש שטענדיג אין יעדע צייט, אבער איבערהויפט פאר ראש השנה, וואס אין די טעג ווענדט זיך דאס גאנצע יאר, אזא מענטש וואס האט אביסל שכל אין זיין קאפ, און קוקט זיך איבער ווי אזוי איז אריבע די יאר, שפירט ביי זיך זיכער דאס ארעמקייט ווי ער געפונט זיך און אז ער קען גארנישט אליין, או דורדעם באקומט ער א צובראכן הארץ, און איז מעורר רחמים מיט זיין געבעט, און איז זוכה צו א געבענטשט יאר.

**און** דאס איז דער ענין התשובה ווי דער **רמב"ם** (הלכות תעניות פ"א ה"א ואילך) שרייבט: "עס איז א מצות עשה מן התורה צו שרייען און בלאזן מיט פייפערס אויף אלע צרות וואס קומט אויפן צבור, און דאס איז די וועגן פון תשובה, אין א צייט וואס ער קומט א צרה זאל מען שרייען אויף דעם און בלאזן, אז אלע זאלן וויסן אז זייערע נישט גוטע מעשים ברענגט צו די אלע שלעכטס וכו', און דאס וועט מאכן אז די אלע צרות זאלן פארבייגיין, אבער אויב מען וועט נישט שרייען דערויף און נישט בלאזן, נאר מען וועט זאגען אז עס איז נאר א צופאל וואס טרעפט זיך אויף דער וועלט און דערפאר האט עס פאסירט, איז דאס א 'דרך אכזרית' און דאס וועט צוברענגען אז עס זאל קומען נאך צרות וכו'".

**ובודאי** איז זיכער ווען מיר שטייען פאר ראש השנה וואס די גאנצע בריאה גייען אריבער גיין ביי אייבערשטען כבני מרון, און דער אייבערשטער גייט אורטיילן יעדער איינער, מיט זיין לעבן און געזונט, קינדער, נחת, ווער וועט רייך ווערן און ווער ארעם, אויף אלע לענדער און שטעט וואס וועט פאסירן מיט זיי, מלחמות אדער שלום אא"וו, איז דאך יעצט די פאסיגע צייט ארייננטראכטען ווי מיר האלטן און אז אלעס איז בלויז חסדים ורחמים, און דורכדעם מעורר זיין נאך חסדים אויף די קומענדיגע יאר.

**דעריבער** פאדערט זיך צוזיין אופזיכטיג, ווייל דאס איז דער עיקר מלחמת היצר, צומישען דער מענטש מיט בייזוויליגע געדאנקען אז עס דער טבע פון די וועלט אזוי, און אז מען טוהט האט מען עפעס און אויב נישט האט מען נישט, ווייל מען טוהט ארייינקלערן אביסל, זעהט מען אז עס איז איין גרויסן בלאף, ווייל דער מענטש ווייסט וויפיל ער האט געטוהן און עס איז גארנישט געווארען פון דעם, און ווידער פארקערט, וויפיל ער האט פארדינט אהן דעם וואס ער האט עפעס געטוהן פארדעם.